STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02422

PISROYN HALOYMES, ODER, TROYM-BUKH

R. I. Almuly

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פתרון חלומות

אדער

טרוים-בוך

א בוך וואס לערענט וויא פותר צו זיין דיא חלומות וואס קומען פאר
אונטער פערשיעדענע מענשען, וויא אויך צו אונטערשיידען
וועלכע חלומות עס האבען א בעדייטונג
אונד וועלכע נים.

געשריעבען אין העברעאיש פון דעם גרויסען חקרן אונד פילאזאף
ר' יצחק אלמולי
איבערזעטצט אין אידיש פון א. ב.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פאבלישינג קאמפאני,

83-85-87 קאנאל סטריט, ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street, New York.

אלענדארפ׳ס מעטהאדע,

פון אלכסנדר הארקאווי,

יז א ניצליכער בוך גרינדליך אויסצולערנען דיא ענגלישע שפראַכע

א בוך פון 600 זייטען.

זיין ריכטיגער פרייז אין אַללע שפראַכען איז 3 דאָלאַר.

אין אידיש נור 1 דאָלאַר.

אַלענדאָרפ׳ס מעטהאָדע איז אנערקענט אין דער גאנצער וועלט פיר דיא עסטע, ווייל דיא פּראַקטיק האט בעוויזען, דאס זיא איז זעהר לייכט און גוט פיר ־דען וואס וויל זיך אויסלערנען דיא ענגלישע שפּראַך אָהן א לעהרער.

אלענדארפ׳ס מעטהאדע

יז אויף אזא אַרט, דאס דיא שפּראַך איז איינגעטהיילט אין לעקציאָנען, אין יעדער עקציאָן קומען פאָר ווערטער, געשפּרעך און גראַמאַטישע רעגעלן.

פאר דיא לעקציאָנען קומט א בעזונדערע אבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען ון ספּעלען, אום דיא ווערטער און גראַמאַטישע רעגעלן זאָלען מעהר פּערשטארקט ערען אין דיא געדאַנקען, ווערען אם ענדע פון יעדער לעקציאָן געגעבען שטיקער עזע־שטאָף צום איבערזעטצען. דיא זעטצע פון דיא שטיקער לעזע־שטאָף, זיינען וזאַמענגעשטעלט פון דיא ווערטער, וואס זיינען פריהער פאָרגעקומען. דער לערלינג עט זייא קענען איבערזעצען. יעדע שטיק לעזע־שטאָף טראָגט א נומער.

צום לעהר־בוך קומט א בעזונדער בוך, א שליסעל, וואס ענטהאלטעט דיא יכטיגע איבערזעצונג פון יעדען זאץ. דיא איבערזעצונגען זיינען בעצייכענט מיט דיא זלבע נומערן וויא דיא שטיקער לעזע־שטאָף בייא דיא לעקציאָנען. דער שילער ען אלזאָ מיט׳ן שליסעל אָבשטימען אויב זיין איבערזעצונג איז ריכטיג אָדער ניט.

אלענדארפ׳ס מעטהאדע איז איינגעטהיילט אין

78 לעקציאנען.

דיא אבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען, איז זעהר פּראַקטיש. דיא רעגעלן ווערן רקלערט איינפאך און דייטליך. אין דיא לעקציאָנען ווערען געגעבען דיא אויס־ ־פּראַכע פון יעדען ענגליש וואָרט מיט אידישע בוכשטאַבען.

דאס בוך ענטהאלט איבער 600 זייטען, אין גרויסען פאָרמאט און עלעגאַנט עבונדען.

פרייז 1 דאלאר.

צו בעקומען בייא אלע בוכהענדלער, וויא אויך בייא

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

פתרון חלומות

אדער

טרוים=בוך

א **בוך** וואס לערענט וויא פותר צו זיין דיא חלומות וואס **קומען** פאר
אונטער פערשיעדענע מענשען, וויא אויך צו אונטערשיידען
וועלכע חלומות עס האבען א בעדייטונג
אונד וועלכע ניט.

געשריעבען אין העברעאיש פון דעם גרויסען חקרן אונד פילאזאף

ר' יצחק אלמולי

איבערזעטצט אין אידיש פון א. ב.

דרוק און פערלאג פון

דיא היברו פאבלישינג קאמפאני.

ברוקלין, ניו יארק.

Published by The Hebrew Publishing Co.

122-128 Leonard St., Brooklyn, N. Y.

וואס איז א חלום?

ווען אונזערע גליעדער אונד נערוועז ווערען מיעד, דאן שליעסען זיך אונזערע אויגען אונד מיר פאלען אריין אין דיא ארעמס פון שלאף. דיעזע צייט איז היא נויטהווענדיגסטע אין אונזער אונבעוואוסטעס דאזיין, אום צו זאמלען קרעפטען פיר ווייטערעס לעבען.

אבער וועהרענד מיר ליעגען אין דעם אונבעוואוסטזיין, דאמאלס קריעגט אונזער זעעלע א גאנץ אנדערע עובדא, וויא צור צייט וואס מיר זיינען וואך. ארום געהענדיג אונטער אונזערע פריינד אונד בעקאנטע אונד טהוענדיג אונזער טעגליכע ארבייט, איז אונזער זעעלע פעראייניגט מיט דעם קערפער, מיט דער אויפגאבע פון א קאמאנדאנט, צו רעגיערען דיא גליעדער. שלאפענדיג וויעדער, פאלט אוועק דיעזע פליכט פון דער זעעלע, וויל דער קערפער מוז גאנץ רוהיג בלייבען אום צו שעפען נייע קרעפטען. דיא זעעלע אליין דארף אפילו ניט אנשטרענגען דעם מענשען'ס געהירען, וויל דאס אליין פעראורזאכט אויך מיעדיגקייט.

דיא זעעלע אדער דיא נשמה בלייבט אלזא אונטהעטיג אונד זיא ווערט אבגעזונדערט צו איהר אייגענעם „איך" פון זעלבס-עקזיסטענץ. דיעזע זעעלע אדער נשמה, וואס איז אבער א „חלק אלוה ממעל", דאס הייסט, א טהייל פון גאטט אליין, זייענדיג פרייא פון קערפעליכער ארבייט, האט, פיעלע מאל, וועהרענד דער קערפער רוהט, אזעלכע צייטען וואס זיא קען זעהען אונד פיהלען זאכען וואס געהען פאר אדער זייא וועלען פארגעהען וואס איז ענטוועדער נוגע דער קערפער אליין, אדער גאר אנדערע מענשען.

לאמיר דא ערקלערען דייטליכער אונזער מיינונג: ווען דיא זעעלע האט דאס קאמאנדא איבער א געוועהנליכען בשר ודם, דאס הייסט, איבער א מענשען וואס פערקעהרט זעהר וועניג מיט דער איבריגער וועלט, אדער דער מענש איז אזעלכער וואס דיא איבריגע וועלט בעקימערט איהם ניט, האט דיעזע זעעלע אויך ניט וואס צו טהון מיט קיין פרעמדע זאכען, אויסער מיט דעם קערפער וואס זיא פערוואלטעט. זא, צום ביישפיעל, האט פרעה'ס שר המשקים אונד שר העופה, ניט געחלומ'ט קיין זאכען וואס זיינען נוגע אנדערע, בלויז פאר זיך אליין. דאגעגען אבער, האט שוין פרעה געחלמ'ט איבער זאכען, וואס האבען בעריהרט א גאנצע נאציאן. וויעדער זעהען מיר מיטעלמעסיגע מענשען מיט מיטעלמעסיגע נשמות. דאס איז

געווען דער פאלל מיט יוסף'ן אונד זיינע ברידער. זייא האבען געחלמ'ט איבער זאכען, וואס האבען בעריהרט זייער פאמיליען־לעבען אונד ניט מעהר. דעם חלום וואס נבוכדנאצר האט געהאט אונד וואס דניאל האט איהם פותר געווען, האט זיך ניט געקענט פארשטעלען אין א בעטלער'ס שלאף. נבוכדנאצר איז געווען א מעכטיגער קעניג, וואס האט בעהערשט א גאנצע וועלט, אונד דערפאר האט זיין זעעלע גע־זעהען זאכען, וואס וועלען זיך אבשפיעלען מיט הונדערטער, אדער גאר מיט טויזענ־דער יאהרען שפעטער.

מיר קעהרען וויעדער צוריק צום תוך פון חלום אליין. א חלום איז מעהרערע מאל דאס בילד פון דער צוקונפט פיר זיך אליין אדער פיר אנדערע, וואס אונזער נשמה בעגרייפט, בשעת זיא האט ניט צו טהון מיט דער ארבייט פון קערפער. עס איז דאס בילד פון דער געהיימניספאלע צוקונפט, וואוהין מענשען־אויגען קענען ניט קוקען אונד מענשען־שכל קען ניט בליקען. נאר אונזער זעעלע אליין, דיעזער געט־ליכער טהייל, איז אימשטאנדע דאס אלעס צו בעגרייפען אונד ארונטער רייסען דעם פארהאנג פון דעם וואס ווייטער וועט פאסירען.

———0000———

דער אונטערשיעד אין חלומות.

לויט וויא מיר האבען פריהער געזאגט, קען ניט יעדער מענש חלום'ן גלייך, דאס הייסט, ניט יעדען'ס נשמה זעהט גלייכע צוקונפטס־בילדער. עס איז אבער אויך דערזעלבער פאל מיט יעדען מענשען בעזונדער איבער יעדען חלום וואס איהם שטעלט זיך פאר.

ניט יעדער חלום איז פון א בעדייטונג, אונד ניט אלעס וואס שפיעלט זיך פאר אונז אב אין שלאף, איז א בילד פון דעם וואס שפעטער וועט זיין, אדער פון דעם וואס עס פאסירט זיך מיט אנדערע.

דעם מענשען'ס קערפער, ווען ער שלאפט, מאכט ער א גרויסען איינדרוק אויף אונזער געהירן. הויפטזעכליך ווירקט שטארק דער מאגען. ווען מיר האבען גענעסען שווערע שפייזען געטרונקען שארפע משקאות, אדער אונזער מאגען איז גלאט קראנק, זיינען מיר אונטערוואָרפען צו שרעקעדיגע חלומות אדער ווילדע אונד פערמישטע געדאנקען. דאס איז דערפאר, ווייל דאס בלוט מוז צו שווער ארבייטען פיר דעם מאגען, אונד אין לויפען פון בלוט איבער דעם קערפער, צערשטערט עס דיא ריינע ארבייט פון געהירן, וועלכעס איז דער אינסטרומענט פון דער נשמה.

עס איז אלזאָ זעלבסטפערשטענדליך, אז מיר דארפען זעהר וועניג אכטען אויף חלומות, וואָס קומען דורך אזא צושטאנד, ווען אונזער מאָגען איז ניט אין אָרדנונג.

דיא ווירקונג אויף דעם געהירן קומט אויך, מעהרערע מאָל, דורך לעזען ווילדע מעשיות פון גזלנים, רויבער אונד מערדערייען. איבערהויפט ווירקט דאָס זעהר פיעל, ווען מיר לעזען דאָס פאר'ן שלאָפען, אָדער אפילו מיט א קורצער צייט פריהער, אונ דער איינדרוק אויף אונזערע געדאנקען בלייבט נאָך אימער שטארק.

אין א צייט פון טרויער אדער איין אונגליקס-פאלל, ווען אונזערע נערווען זיינען צורודערט, קען מען אויך ניט ערווארטען צו האבען א רוהיגעס געהירען צור דער צייט פון שלאָף.

דערפאר דארף יעדער בעל-חלום, פריהער זיך גוט ארום זעהען, איידער ער געהט נאָכפאָרשען נאָך דער בעדייטונג פון זיין חלום, אויב דיעזער איז ניט געקומען אין א צייט, ווען דיא נשמה איז ניט פרייא צו האנדלען אליין. א חלום וואָס קומט דורך דיא אורזאכען פון קערפער, האָט קיין בעדייטונג, אונד יעדער פערנינפטיגער מענש, דארף זיך ניט דאריבער בעאונרוהיגען.

יעטצט וועלען מיר צוגעהען צו דעם ריכטיגען חלום, אויף וועלכען מען קען יא זוכען א בעדייטונג. אזעלכע חלומות זיינען אזוי וויכטיג, דאָס זייער בעדייטונג שפיעלט אמאָל דיא גרעסטע ראָלע אין אונזער אייגענעם לעבען, אָדער אין דעם לעבען פון אנדערע, אונד עס האָט שוין א סך מאָל פאסירט, וואָס מענשען זיינען דערפון געוועזען אימשטאנדע, אויסצומיידען אונגליק, אָדער אנדערע צו רעטען פון אונגליק.

דיעזער חלום מוז קומען צום מענשען, ווען ער איז פאָלקאָמען געזונד, אָדער, ווען ער קען ניט צו שרייבען דיא ווירקונג אויף זיין געהירען פון קערפער, לויט וויא מיר האָבען פריהער געזאָגט.

———0000———

דער חלום אונד דער פותר.

דיא גמרא זאָגט (פרק הרואה, ברכות,) „א מענש קען ניט זעהען אין חלום קיין גאָלדענעם בוים אונד ניט וויא א העלפאנט קריכט אריין דורך דאָס לאָך

פון א נאָדעל.״ דאָס איז א גרויסע וואהרהייט. מענשען קענען זעהען אין דער פאַנטאַזיע פון זייער חלום, אונגעהייערע גרויסע זאכען, אָדער שטארק פערקלע־נערטע אונד אויך משונה׳דיג, אבער קיינמאָל ניט קיין זאכען, וואָס זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

דער ריכטיגער חלום, אָבוואָהל ער איז א בילד פון דער צוקונפט, צייגט ער זיך דאָך מיט בילדער פון דער געגענוואַרט, פון וועלכע מיר זאָלען קענען דייטען זייער צוקונפט. מיר קענען אָבער אויך ניט בעטראַכטען קיין חלומות פון א גרויסער בעדייטונג, ווען זייא שטעלען אונז פאָר זאכען, וועלכע שפּיעגלען זיך פאָר אונז אב צו אָפט אין לעבען, אפילו ווען זייא זיינען ניט מעהר וויא נאַטירליך. זאָ צום בייּ־שפּיעל, האָט דעם שוסטער׳ס חלום, פון זעהען א פּאאר שיך, קיין בעדייטונג. דאָס־זעלבע איז אויך מיט דעם שניידער וואָס זעהט א פּאאר הויזען, מיט דעם שמידט וואָס זעהט א פּאָדקאָווע, אונד מיט דעם סטאָלאר וואָס זעהט א טיש. עס איז גאָר ניט קיין דבר חדש, ווען דער גערטנער זעהט אין חלום בלומען, אָדער דער יעגער זעהט א הירש. עס איז אָבער מערקווירדיג, ווען א פּראָסטער אונד רוהיגער מענש זעהט אין חלום זיך ראַנגלען מיט א בער, אָדער א פּרויענצימער האָט גע־טרוימט, אז זיא האָט דערוואָרגען א לייב.

דאָס בילד אין טרוים, אין א געזונדען צושטאַנד, וואָס שטעלט פאָר איין אונגעוועהנליכע סצענע, האָט א בעדייטונג, אונד בענעטהיגט אזעלכען וואָס זאָל פּותר חלום זיין.

איידער מיר געהען ווייטער רעדען וועגען פּותר, וועלען מיר פריהער בעמער־קען איבער איין ארט חלום, וואָס בענעטהיגט ניט קיין פּותר. עס ווערט דערצעהלט פון א דאַמע אין איטאַליען, צום שלוס פון 17־טען יאהרהונדערט, אז זיא האָט געחלם׳ט אין א נאַכט, דאָס איהר געליעבטער, דער אייגענטהימער פון מעהרערע גיטער, איז געלעגען אויף זיין בעט, אונד זיין אייגענער ברודער איז ערשיענען מיט א מעסער איהם צו קוילען. זיא האָט דאָס קיינעם ניט דערצעהלט. א צווייטע נאַכט האָט זיא דעמזעלבען חלום געזעהען, אונד עס האָט זיך איהר נאָך געדאַכט, אז יעמאַנד רופט צו איהר: „געה שנעל, וואַרנע איהם, זאָנסט איז ער פערלאָרען!״ זיא איז אויפגעשטאַנען זעהר ערשראָקען, זיך באַלד אנגעצויגען אונד איז געלאָפען צו איהר געליבטען׳ס הויז. דאָרט האָט זיא ערבליקט א מאַן מיט א בלאַנקעס מע־סער אין האַנד, אריין קריכענדיג דורך א פענסטער. זיא האָט אָנגעפאַנגען צו שרייען, איהר געליעבטער אונד זיינע דיענער האָבען זיך אויפגעכאַפּט, אונד מען האָט וויר־

ליך געפונען זיין ברודער, וועלכען מען האט געכאפט אונד געבונדען, אונד ער האט זיך מודה געווען, אז ער האט געוואלט הרג'ענען זיין ברודער דערפאר, ווייל ער האט איהם מעהר ניט געוואלט געבען קיין געלד צו פערלומפען.

אזעלכע קלארע חלומות, זיינען איינפאך א וואהרעס בילד, אין וועלכע עס ליעגט דיא ריינע אונד דייטליכע ערקלערונג אין דעם אינהאלט אליין. אבער חלומות, וואס בענעטהיגען אזעלכען, אום אויסצוגעפינען וואס זייא מיינען, דארפען האבען א פותר, דאס הייסט, א בעשיידער, אונד פון אזא מענשען היינגט עס זעהר פיעל אב.

דיא גמרא זאגט אויף איין פלאטץ „חכם עדיף מנביא" (א חכם איז מעהר פון א נביא) אונד אויף איין אנדערן פלאטץ: „כל החלומות הולכין אחר הפה," (אלע חלומות געהען נאכ'ן מויל, אדער וויא מען איז זייא פותר.) פון דעם פותר היינגט עס פיעל אב, אויב ער איז א מענש מיט שכל.

דיא בעדייטונג פון חלום, קען ניט געענדערט ווערען. א חלום איז ניט צוויי־דייטיג אין זיך אליין, אבער א חלום קען אמאל האבען זעהר א שלעכטען רעזולטאט ווען מען גיבט איהם ניט דיא ריכטיגע בעדייטונג.

צום ביישפיעל: דיא פותרי־חלומות שטימען אלע איין, אז ווען איינעם חלמ'ט זיך, אז איין אקס האט איהם געשטויסען, איז דיא בעדייטונג דערפון, אז ער וועט ווערען רייך אדער קריעגען מאכט אונד וועט נאך קענען אויך אנדערע העלפען אונד אונטערשטיטצען. ווען דער פותר איז אבער ניט קיין מענש מיט שכל, אדער ניט פארזיכטיג, דאן קען ער נאר זאגען, אז דאס בעדייטעט, אז דער בעל־חלום וועט פערלירען זיין פערמעגען, ארעם ווערען אונד קומען אויף בעטעל־ברויט. ווען דאס איז אפילו ניט דיא ריכטיגע בעדייטונג, קען זיך דער בעל־חלום דאס נעהמען צו זיין הארץ, אונד זיך אזוי פיעל ערגערן, ביז עס זאל איהם ענטוועדער קראנק מאכען פאר צרות, אדער נאר בעגעהען זעלבסטמארד, כדי ער זאל ניט דארפען זיין קיין בעטלער.

דאס מיינט מען מיט „כל החלומות הולכין אחר הפה", אדער בעסער געזאגט, „החיים והמות ביד הלשון". א מענש מיט שכל אדער א ריכטיגער פותר, וועט אזא דומהייט ניט בעגעהען, אום אבצושרעקען א מענשען, ווען עס איז אפילו נאר ניט נעטהיג.

———OOOO———

צווייערלייא חלומות.

חלומות וואס דארפען באלד מקוים ווערען, געדענקען זיך מיט יעדער איינצעלהייט, גלייך וויא מען זעהט זייא נאך אמאל פאר דיא אויגען וואכענדיג. חלומות וואס וועט דויערן א קורצע צייט, ביז זייא וועלען מקוים ווערען, געדענקען זיך מיט א האלבע דייטליכקייט. חלומות וואס וועלען גאנץ שפעט מקוים ווערען, געדענקען זיך בלויז, אז זייא זיינען געוועזען פון זעהר איין אינטערעסאנטען אינהאלט, אבער דיא איינצעלהייטען האבען זיך פערגעסען. אויף אזעלבע חלומות, קען מען ניט זוכען קיין בעדייטונג, כל־זמן מען געדענקט זייא ניט, אבער זייא וועלען זיכער נאך אמאל פארקומען.

———OOOO———

ערשטע אבטהיילונג.

איבער זאכען וואס האבען אין זיך ניט קיין לעבען.

ארויף שטייגען אויף א לייטער, בעדייטעט א ספעקולאציאן אין האנדעל פון וועלכער מען קען לייכט ארונטער פאלען. ווען דער טרוים ערשיינט מיט איין אורזאכע ווארום מען שטייגט ארויף, דאן וועט מען אין דער נעכסטער אונטערנעהמונג, געוויס בעגליקען. ווען אבער אהן איין אורזאכע, שטעהט מען אויסגעזעטצט דער געפאהר, פון 99 פראצענט פערלירען אונד איין פראצענט געווינען.

ווער עס בליקט אין טרוים דורך א פענסטער, ארונטער נאך א וויטער געגענד, וועט לאנג לעבען.

ווער עס געהט ארויף אויף א דאך אונד ארונטער, וועט ליידען א גרויסען היזק אין זיין מסחר אדער ארונטער פאלען פון זיין גוטען מעמד.

גראבענדיג אין דער ערד, בעדייטעט קראנקהייט אין דער פאמיליע.

טראגענדיג ערדע, וועט זיין א לויה אונטער זיינע בעסטע בעקאנטע.

זיך זעהענדיג ווידער אין דער אלטער היימאטה, בעדייטעט אז מען וועט לויז ווערען פון איין אונגליק.

ווען מען זעהט זיך אין טרוים אין א געפענגניס אדער אבגעשפארט אין איין ענגען ארט, איז א סימן אז דיא שלעכטע לאגע וועט זיך באלד ענדערן.

ווער עס שטעלט אריין א טיהר אדער א פענסטער אין זיין הויז, וועט ענט־

ווערער באלר הייראטהען, אָדער, ווען פערהייראטעט, וועט זיין פרוי שוואנגער זיין.

ווער עס זעהט דעם איינגאנג אין זיין הויז צובראָכען, וועט פערלירען ענט-וועדער זיין פרוי אָדער א קינד דורך קראנקהייט.

צערשטערענדיג איין אלטעס הויז, איז א גוטע בעדייטונג.

צערשטערענדיג איין נייעס הויז איז א שלעכטע בעדייטונג.

זעהענדיג א וואנד אין זיין הויז איינפאלען, בעדייטעט זיין אייגענער שנעלער טוים.

ווען דיא באלקען פון הויז זיינען געבראָכען, וועט שטארבען א קינד.

ווען דער קוימען פאלט איין, וועט דיא פרוי שטארבען.

ווער עס זעהט זיך רייזען נאָך מעריב זייט, וועט רייזען אין א וויימען וועג נאָך מזרח זייט, אונד דאָסזעלבע אומגעקעהרט.

זיך זעהענדיג אין א לאנד וואו אידען זיינען געהאסט, איז א סימן, אז פון דער צרה, וואָס קומט, וועט מען ניט קענען לויז ווערען.

זיך זעהענדיג נעבען א שטילען טייך, בעדייטעט אז דיא אונרוהען אין דער פאמיליע, וועלען געשטילט ווערען.

זיטצענדיג אין זאמד, זאָל מען זיך היטען פאר דיא צאָהלרייכע שונאים.

זעהענדיג דעם שטירמישען ים, בעדיטעט אז מען וועט זיך צוזאמען קומען מיט מעכטיגע געגנער, וועלכע מען וועט ניט קענען בייקומען.

טרינקען וואסער פון א ברונען, בעדייטעט פריעדען אין הויז, פון א קוואל, פריעדען מיט דיא שונאים.

א לייכטער רעגען, בעדייטעט גליק אין האנדעל, א גוס-רעגען פערלוסט אין האנדעל.

אריין פאלען אין וואסער, אז א סימן אז דיא שונאים וועלען זיעגען.

זעהענדיג דעם ים אויסטריקענען, וועט שטארבען דער קייזער, קעניג אָדער הערשער פון דער מדינה.

ווער עס זעהט זיך ארום געהען אין ים, זאָל אבצעהלען 15 טעג נאָך דעם חלום, אונד אין דעם 15-טען מעת-לעת, זאָל ער ניט געהען אויף פוסטע פלעטצער אונד זיך היטען אויך בייא זיך אין הויז פאר איין איבערפאל.

זיך זעהענדיג געהען אויף'ן ים אונד ניט איינטונקען דיא פיס, איז א סימן, אז מען וועט קריגען א גרויסע שטעלע.

האקען האָלץ, איז א צייכען, אז מען וועט פעראונגליקען א פריינד.

טרינקעןווארעם וואסער, בעדייטעט אז מען וועט ערהאלטען א גוטע נאכריכט, קאלטעם וואסער, איז דיא נאכריכט וואס מען ערווארטעט, וועט זיין זעהר שלעכט.

זיך באדענדיג אין א טייך אדער באד, בעדייטעט אז דיא רכילות וואס מען האט אויף איהם געזאגט, וועט מען ניט גלויבען.

שווימענדיג אין א שטירמישען ים געגען גרויסע כוואליעס, בעדייטעט אז מען וועט זיך גליקליך רעטען פון דעם אונגליק וואס קומט.

שטעקענדיג אין בלאטע, בעדייטעט אז איין אונגליק וועט קומען פון וועלכען מען וועט שווער ניצול ווערען.

זיך זעהענדיג געווארפען פון דיא כוואליעס אין א טייך, זאל מען זאפארט אויפהערען צו פיהרען דיא אונגעזעטצליכע געשעפטען, זאנסט וועט מען געוויס ענט־דעקט ווערען אונד שווער בעשטראפט ווערען.

זיך דערטרינקען, בעדייטעט טויט, נאר דער מענש זאל זיך שטארק היטען פאר אנשטעקענדע קראנקהייטען, ניט געהען דארט וואו מען בויעט אונד זיך גוט פלעגען. טהיילען נדבות צו אמת'ע נויטהבעדערפטיגע אונד דיא בערוהיגונג פון דעם איינענעם גייסט, איז א גרויסע סגולה, אום זיך צו רעטעווען פון דעם גזר.

זיך פיהלענדיג געטראגען פון ווינד, אויב ערוואכט אין מיטען חלום, הייסט עס, אז דיא שונאים וועלען טריאומפירען. ווען מען ערוואכט אבער ניט אונד דער ווינד לאזט ארונטער לאנגזאם, וועט מען טריאומפירען איבער דיא שונאים, אבער ווען מען פאלט, דאן מוז דער בעל־חלום געדולדיג ערווארטען דיא גרעסטע קריזיס אין זיין לעבען.

זעהענדיג א גאנצע מטבע, בעדייטעט אונערווארטעטעם רייכטהום, א האלבע מטבע, באנקראט אדער פערלירען דעם פאסטען.

פערלען בעדייטען, אז דיא פרוי אדער שוועסטער, פערקעהרען אונמאראליש מיט דעם, אויף וועלכען מען האט א פערדאכט.

ברילאנטען, דאס דיא פרוי וואס מען ליעבט, וועט זיך אויפזוכען איין אנדערן.

א פרוי אדער א מיידעל וואס חלום'ט צו אפט איבער טייערע צירונג, מוז ערווארטען דאס איהר מאן וועט פערשפיעלען זיין געלד אין קארטען.

א זיעגעל, רינג אדער מאדאליאן, בעדייטען אייפערזוכט, קריינקונג אונד געוויין.

זעהענדיג א רינג אויף זיין אייגענעם פינגער, בעדייטעט אז מען וועט חושד זיין אין גנבה, אויף איין אנדערענס פינגער, אז מען וועט בעגנבעט ווערען.

אייזערנע מעבעל, דאָס דער מענש, אויף וועלכען מען האָט א פערדאכט, איז א ליגנער אונד א גנב.

עמפפאנגענדיג א רינג במתנה, ערווארטעט ארמוטה, געבענדיג א רינג במתנה, רייכטהום.

א זילבערנע קרוין, צייגט דיא אונשולד פון דער פרוי אויף וועלכער מען איז אויפערזיכטיג, א גאָלדענע קרוין, אז זיא איז פאלש אין הערצען, נאָר זיא האָט ניט קיין געלעגענהייט.

א פרוי אָדער א מיידעל וואָס זעהט א זילבערנע קרוין, וועט איהר וואונש מיט דעם מאן וואָס זיא ליעבט, ערפיללט ווערען;—א גאָלדענע קרוין, אז ער איז פאלש אונד נאָר איהר געלד האלט איהם אב אום ארויס צו צייגען ווער ער איז.

קופערנע זאכען, בעדייטען אז מען וועט פערלירען דעם מוטה; אייזערנע זאכען, אז מען וועט אנפאנגען צו טרינקען איבער דער מאָס.

געפינען גאָלד, זילבער אָדער ציערונג, בעדייטעט שטרייט אין הויז.

זעהענדיג פאלען גאָלדענע אָדער זילבערנע מטבעות פאר זיך, איז א צייגען, אז דיא בעלי־חובות וועלען ניט בעצאָהלען.

געפינענדיג אָדער זעהענדיג א האק, בעדייטעט, אז מען מעג אָנפאנגען דעם פראָצעס, אונד מען וועט איהם אויך געווינען.

זעהענדיג צלמים אדער געטצענבילדער, צייגט אז דיא בעסטע פריינד זיינען פאלש.

זעהענדיג א פייער בייא יענעם, ברענגט גליק; בייא זיך פערצווייפלונג.

א ליכט ברענען אין דער פינסטער, צייגט אז דיא געשעפטען געהען אונד וועלען געהען זעהר שלעכט, אונד איין פריינד וועט ענדליך ארויס העלפען פון דער נויט.

ארײן פאלען אליין אין א פייער, ווייזט אז מען וועט ניט קענען לויז ווערען פאר דיא גרויסע פערברעכענס, וואָס זיינען אבגעהאנדעלט געוואָרען בסוד.

געהענדיג אויף ברענענדע קוילען, איז א סימן אז עס גיבט שוין קיין צייט צו ענטלויפען אָדער זיך רעטען פון דעם ביטערן שיקזאל.

זעהען ברענענדע קוילען זיך אויסלעשען, צייגט דעם שנעלען סוף פון דיא אונטערנעהמונג אָדער ארבייט, אונד א באלדיגע ליידען.

צווייטע אבטהיילונג.

———OOOO———

איבער פערשיעדענע פלאנצונגען.

———OOOO———

אז מען חלום'ט דאס מען איז אין א פעלד, אומרינגט מיט בלומען אונד גרינעס גראז, זאל מען זיך היטען פאר דיא פריינד איבער וועלכעס מען האט א פערדאכט, אז זייא זיינען פאלש.

טרוימען אז מען זעהט וויא גראז שפראצט, איז א צייכען, אז מען זאל דיא אונטערנעהמונג מאכען וואס מען האט אין זינען, ווייל מען וועט אין דעם בעגליקען.

זיך זעהענדיג אין א גארטען עסען דיא פרוכטע, איז א סימן, אז מען וועט ארויס ברענגען א שלעכטען נאמען אויף'ן טרוימער.

זיך זעהענדיג אין גארטען, מיינענדיג אז ער איז איין איינענער, אונד ערבליקענדיג יעמאנדען גנב'ענען פון דיא פריכטע אונד זייא עסען, איז א סימן אז דיא פרוי איז פאלש אונד האט צו טהון מיט אנדערע.

ווען א פרוי טרוימט, אז זיא עסט א פרוכט אונד יעמאנד כאפט דאס אויס בייא איהר, איז איהר מאן אויסגעלאסען אונד פערברענגט מיט אנדערע פרויען.

ווען א פרוי טרוימט, אז זיא עסט פרוכטען אונד יעמאנד בעט בייא איהר א טהייל, איז א סימן, אז דיא פרוי, איבער וועלכער זיא האט א פערדאכט, וויל בייא איהר אוועק רויבען דעם מאן.

אויב דיא פרויא זעהט אין חלום, אז זיא האט ווירקליך געגעבען דיא פרוכטען צו דער וואס האט זיא געבעטען, איז קיין צווייפעל, אז דיעזע פרוי איבער וועלכער זיא האט דעם פערדאכט, האט שוין פערקעהרט אונמאראליש מיט איהר מאן.

דער וואס זעהט וויין, קארן אדער אנדערע ברויט-פלאנצונגען, וועט האבען פריידען, ברכה אונד הצלחה אין דיא ערשטע 4 וואכען נאך'ן חלום.

חלום'ן אז מען פערקויפט פריכטע, וועט דיא פרנסה קאליע ווערען.

זיך זעהענדיג טסען חריין, רעטאך אדער אנדערע שארפע גרינצייגען, זאל מען זיך ריכטען אויף שטרייטיגקייטען אין זיין פאמיליע, פון וועלכע ער וועט האבען גרויסע יסורים.

זעהענדיג חזרים עסען פרוכטען אין א גאָרטען, איז א צייכען, אז זיינע קינדער, וועט מיידלעך, ווערען אויסגעלאַסען, אונד ווען אינגלעך, ווערען זייא גנבים.

פלאַנצען בוימער בעדייטעט, אז דער בעל־חלום וועט אבפיהרען א גליקליכעס פאַמיליען־לעבען.

טראָגען פּאָמעראַנצען, איז א צייכען, אז זיין פרוי איז טרייא, אונד דאס וואס מען האָט איהם געזאָגט, איז ניט מעהר וויא א רכילות.

ווען א פרוי טרוימט פּאָמעראַנצען, דאַן איז איהר מאַן׳ס ליעבע צו איהר זעהר גרויס.

א פרוי אָדער א מאַן וואס טרוימט לימענעס, זאָל זיא אויפפּאַסען, אז דער מאַן זאָל זיך וועניגער בעגנעגנען מיט פרויען, אונד ער, דאס זיין פרוי זאָל זיך וועניגער צוזאמען קומען מיט מענער.

עסענדיג ביטערע פרוכטען, בעדייטעט אז מען זאָל דיא רייזע ניט מאַכען אויף וועלכער מען האָט געררעכענט.

פלאַנצענדיג א וויין־גאָרטען, בעדייטעט, אז דיא קינדער וועלען אָנפאַנגען צו זויפען.

עסענדיג וויינטרויבען, איז א סימן, אז דער שכן מיט דיא גוטע רעדעלעך זוכט צו בעשווינדלען, גראַדע וויא דיא וויינטרויבען, איידער זייא ווערען וויין, זיינען זייא אונשעדליך אונד נאַכדעם בעזויפען זייא.

זיך זעהענדיג אין א וויינגאָרטען אָהן פריכטע, וועט זיין טרויער אין דער פאַמיליע.

זעהענדיג א בוים פול מיט פריכטע, וועט דער נייער האַנדעל געבען א גרויסען פערדיענסט.

עסענדיג זיסע עפּעל, בעדייטעט אז דעם בעל־החלום׳ס נאַטור וועט זיין אויך ווייטער מילד אונד גוט; זויערע עפּעל, אז דאָס געמיטה וועט זיך ענדערן צום שלעכטען.

טרוימען אז מען שלאָפט אונטער א בוים, וועט מען האָבען קינדער, וואָס וועלען בעגליקען דיא וועלט.

זיך זעהען ארום גערינגעלט מיט בוימער, בעדייטעט, אז דיא קינדער וועלען בעשיטצען פאַר דעם קומענדען אונגליק.

זעהענדיג א וואַלד צערשטערט אונד פערברענט, איז א צייכען אז א שרפה וועט זיין, וואס וועט דעם בעל־החלומות בעריהרען.

עסענדיג פייבטע פריכטע אונד שפירענדיג א זויערן טעם, בעדייטעט אז מען וועט באלד קראנק ווערען.

עסענדיג פריכטע אונד שפירענדיג א מיאוס'ן רוח, איז א צייכען אז א שווערע קראנקהייט ליעגט שוין אין קערפער, וועלכע וועט זיך גלייך ענטוויקלען אונד וועט ברענגען גרויסע ליידען.

זעהענדיג שווארצע פריכטע, בעדייטעט טרויעריגע צייטען אין מיסחר.

טרינקענדיג ווין אדער אירגענד א משקה וואס קומט פון פרוכטען, בעדייטעט פרייד אין הויז.

טרינקענדיג אונד זיך אנשיכור'ן, איז א סימן אז דיא ארבייט אדער דאס געשעפט וואס מען האט, וועט אנפאנגען זעהר שלעכט צו געהען.

ווען מען טרוימט, אז מען טרינקט בוים-עהל, איז א ס'מן, אז מען וועט ניט קענען מעהר ווידערשטעהן דעם נסיון פון דער פרויא.

ווען א פרוי טרוימט, אז זיא טרינקט בוים-עהל, דאן בעטריגט זיא איהר מאן, נאך מעהר וויא זיא קען זיך פארשטעלען.

———()()()()———

איבער שיפען פון האלץ אונד אייזען.

זעהענדיג א שיף פון האלץ מיט א גרויסען מאסט-בוים, זאל מען וויסען אז הילפע איז נאהענט.

זעהענדיג א געפאנצערטע קריעגס-שיף, זא מעג מען זיכער זיין, אז אין 5 טעג, וועט מען קויז ווערען פון דעם אונגליק.

זיך זעהענדיג אוועק געפיהרט פון א שיף, בעדייטעט אז מען וועט ארעטירט ווערען.

טרוימענדיג אז מען זיטצט אויף א גרויסער שיף, דאן ערווארטעט דעם בעל-החלומות גרויסעם רייכטהום ווערענד דער צייט פון א יאהר.

שפאצירענדיג אין א קליין שיפעל אויף א לייכטעם אונד רוהיגעם וואסער, בעדייטעט, אז צו דעם ציעל וואס מען שטרעבט, וועט מען ערייכען אונגעשטערט.

זיך זעהענדיג אויף א קריעגס-שיף אלס מאטראז, איז א צייכען, אז מען וועט ווערען דער פיהרער פון דער געזעלשאפט וואו מען איז א מיטגליעד, אונד מען וועט האבען גרויסע עהרע.

זיך זעהענדיג אויף א שיף אהן א קאפיטאן, איז א צייכען, אז דער ערשטער אין דער פאמיליע וועט שטארבען אין א קורצע צייט.

פאהרענדיג אויף א שיף פון וואנען מען פאלט אריין אין וואסער, בעדייטעט אז מען וועט ניט קענען לויז ווערען פון דיא שונאים.

זעהענדיג א שיף זינקען אונד זיך אליין גערעטעט, זאל מען ערווארטען צו געווינען דעם פראצעס אדער בעזיעגען דעם געגנער.

זיך זעהענדיג פערווארפען פון א שיף אויף איין אינזעל, בעדייטעט, אז מען וועט אבגעטהיילט ווערען פון דער פאמיליע.

———OOOO———

דריטע אבטהיילונג.

איבער פערשיעדענע טהיערע.

———OOOO———

זעהען איין אקס אדער שאף, בעדייטעט אז דאס וואס מען טהוט, וועט זיך גוט ענדיגען.

זיך זעהען רייטענדיג אויף א שווארצען אקס, איז א סימן אז מען וועט ער־רייכען א הויכע שטעלע.

זעהענדיג אקסען, קיה אדער אנדערע בהמות זיך פאסען, בעדייטעט אז דיא שונאים וועלען האבען א מפלה.

פאהרען רייטענדיג אויף א פערד פון וואנען מען פאלט ארונטער, אונד מען ערוואכט בעשת מעשה, וועט מען אין קורצען שטארבען.

ווען מען פאלט ארונטער פון א פערד אין חלום, אונד מען טרוימט ווייטער, אז מען הויבט זיך אויף, איז א סימן אז מען וועט האבען איין אונגליק, פון וועלכען מען וועט זיך ראטעווען.

ווען מען טרוימט, אז מען איז געביסען געווארען פון איין אקס, וועט מען לאנג לעבען.

צערטרעטען געווארען פון א בהמה, וועט מען ליידען פון א בראנישער קראנקהייט.

פאהרענדיג אויף איין אקס רייטענדיג, בעדייטעט רייכטהום; ארונטער פאלען ארמוטה.

א קעמעל אין חלום, בעדייטעט, אז מען איז געשטאנען אין א גרויסער סכנה אונד מען איז אונערווארטעט דערפון ניצול געווארען. דיא איינצעלהייטען ערפאהרט דער בעל־החלומות אין עטליכע טעג ארום.

א ווייסעס פערד, בעדייטעט פריעדען אונד א רוהיגע, גליקליכע עלטער.

זעהענדיג זיך פערפאלגט פון אירגענד וועלכע בהמות, זאל ער קיין אונטער־נעהמונג מאכען, ביז ער וועט ניט פרעגען קיין עצה בייא קלוגע מענשען, אונד טהון וויא דיא מעהרצאהל הייסט איהם.

עסענדיג פערדען־פלייש אין חלום, בעדייטעט, אז ער וועט האבען א זאטעס יאהר.

זעהענדיג איין עזעל, זאל ער נאכשפירען דיא קינדער וואס זייא טהון, אונד זייא הארט בעשטראפען פאר זייערע שלעכטע מעשים.

זיך זעהענדיג צערטרעטען אדער געשטויסען פון איין עזעל, בעדייטעט אז זיין משפחה וועט איהם שרעקליך בעליידיגען אונד פערליימדען.

ווער עס זעהט א חזיר, וועט האבען א גוטע פרנסה; עסענדיג זיין פלייש אין חלום, וועט ער רייך ווערען.

זעהענדיג א העלפאנד, וועט דעם בעל־החלום געשעהען א וואונדער.

פאהרענדיג אויף א העלפאנד, וועט מען עולה־לגדולה זיין.

זעהענדיג א לייב׳ס גרוב, וועט מען האבען א גליקליכעס יאהר.

קעמפפענדיג מיט א לייב אונד פאלען, וועט מען בעזיעגט ווערען פון עהרענ־געגנער.

קעמפפען מיט א לייב אונד איהם בעזיעגען, וועט מען מנצח זיין דיא מעכ־טיגע שונאים.

זיך זעהען פערפאלגט פון א לייב, בעדייטעט, אז געהיים־פאליציסטען פער־פאלגען.

צעררייסען ווערען פון א טיגער, בעדייטעט, אז דיא געליעבטע איז פאלש אונד מען וועט דורך איהר רואינירט ווערען.

אנגעגריפען ווערען פון א טיגער אונד איהם בעזיעגען, איז א סימן, אז מען וועט זיך איבערצייגען, אז דיא פריינדע וואס מען האט גערעכענט פאר פריינדע, זיינען נעפעהרליכע שונאים, אונד מען דארף זיך היטען פאר זייא.

זיך זעהענדיג פערפאלגט פון בערען, וועט מען האבען א גוטעס יאהר.

פערפאלגט פון וועלף, וועט מען ליידען פון הונגער אונד קעלט.

זעהען א שלאנג אין חלום, איז א סימן אז א פאלשער פריינד דערנעהנטערט זיך צו דעם רוהיגען הויז פון בעל־החלום.

געביסען ווערען פון א שלאנג, בעדייטעט אז דער פאלשער פריינד האט שוין זיין אינטריגע דורכגעפיהרט, אונד מיר וועלען באלד שפירען דיא קראפט פון דעם מאכט.

געביסען ווערען פון א הונד, בעדייטעט, אז אונזערע בעקאנטע, בעגנב׳ענען אונז.

געלעקט ווערען פון א הונד, דאס א קרוב אדער א קרובה ליעבט דעם בעל־החלום אונד שעהמט זיך אויסצוזאגען,

געגראבעלט ווערען פון א קאץ, אז דיא אייגענע פרוי וועט ברענגען אונגליק.

ווען א פרוי חלום׳ט זיך, אז זיא איז געגראבעלט געווארען פון א קאטץ, דאן זאל זיא זיך ריכטען, אז איהר שוועסטער אדער בעסטע פריינדין, וועט בייא איהר צונעהמען דעם מאן אדער געליעבטען.

געלעקט ווערען פון א קאטץ, בעדייטעט אז מען איז ארומגערינגעלט פון שמייכלערס אונד געמיינע בעטריגערס.

זעהענדיג חיות זיך פאארען, בעדייטעט, אז מען וועט פיעל ליידען דורך תאות.

זעהענדיג א גיפטיגע חיה ענטלויפען, איז א סימן אז עס וועט געהען שלעכט אין געשעפט.

טרוימענדיג אז מען האט דיא גיפטיגע חיה דערהרג׳עט, דארף מען מעהר ניט מורא האבען פאר דעם קאנקורענט.

ווען א פרוי טרוימט אז זיא האט געקעמפפט מיט א לייב אונד איהם בעזיעגט, דאן וועלען מענער ליעגען צו איהרע פיס אונד זיך בוקען צו איהר שעהנהייט אדער פערשטאנד.

ווען דיא פרוי טרוימט, אז דער לייב האט זיא בעזיעגט, דאן וועט זיא פאלען אלס אפפער פון תאוה.

הרג׳ענען א שטיקלע חיה אין טרוים, בעדייטעט, אז דער צארן וועט קירצליך פיהרען צו גרויסע צרות אונד פערגיסען פון מענשען־בלוט.

זיך שפילענדיג מיט הינט, ווערט מען געליעבט פון פרויען.

ווען א פרוי טרוימט אז זיא שפיעלט זיך מיט קעטץ אונד מיט הינט, זאל זיא זיך היטען פאר דעם מאן וואס זיא ליעבט, ווייל ער וועט זיא אונגליקליך מאכען.

הרג'ענען ווילדע חיות אין טרוים, בעדייטעט, אז דאָס שלעכטע מזל הערט אויף אונד דאָס גליק קעהרט צוריק.

הערענדיג הינט האווקען, וועט מען ליידען פון מרה־שחורה.

עסען פלייש פון מיאוס'ע חיות, בעדייטעט, אז מען וועט האָבען גרויסע צרות אונד מען וועט זייא איבערשטעהען.

זעהענדיג געגז, בעדייטעט עהרע אונד גרויסקייט.

זעהענדיג קאטשקעס, איז א סימן, אז דיא אייגענע פרוי רעדט אויף איהם רכילות.

הערענדיג א האהן קרעהען, זאָל ער ערוואַרטען צו ערפאַהרען, אז זיין פרוי האַסט איהם אונד טראַכט אויף זיין לעבען.

איין אדלער, אָדער אירגענד א גרויסען פויגעל וואָס מען זעהט פליהען גאַנץ הויך, בעדייטעט, אז מען וועט האָבען הויכע אידעען, אָבער מען וועט זייא שווער דורכפיהרען.

זעהענדיג טויבען, איז א גוטע זאך, אָבער כאַפענדיג איינע פון זייא, איז א סימן, אז מען וועט בערויבען שוואכע, אָדער יתומים אונד אלמנות.

ווען מען טרוימט, אז מען האָט צוזאַמען געבונדען צווייא טויבען, איז א סימן, אז מען וועט בעטריגען יונגע אונד אונשולדיגע מענשען.

זעהענדיג א פויגעל אין האַנד, וועט מען האָבען א גוטע בשורה.

זעהענדיג אירגענד א רוהיגען עוף זיך מאַרטען מיט'ן טויט, בעדייטעט, אז מען וועט ערהאַלטען א ירושה.

דער וואָס כאַפט א פויגעל אונד ער ענטלויפט פון איהם, איז זעהר א שלעכטע בעדייטונג, אונד דיא חכמים ראַטהען, דאָס מען זאָל אויפזוכען איין אָרעמע פאַ־מיליע אונד זייא אונטערשטיטצען, וועט דער גזר בטל ווערען.

זעהענדיג העהנער זיך שלאָגען, וועט זיין שטרייט אין דער פאַמיליע.

זעהענדיג עסען יעמאַנד דאָס פלייש פון איין אדלער אָדער מען עסט אליין דאָס פלייש פון איין עוף, וואָס עס איז פיר אידען פערבאָטען, וועט מען שטאַרק פעראַרעמט ווערען אונד מען וועט בעדאַרפען אָנקומען לידי מתנת בשר ודם.

זעהענדיג אין חלום א נאַכט־פויגעל אויף זיין דאך, האָט דאָס א שלעכטע בעדייטונג. עס ווערט געראַטהען אויפצוזוכען אָרעמע חתן כלה אונד זייא געבען א מתנה, וועט דיא געפאַהר פאַראיבער.

זעהענדיג נאַכט־פויגלען אַרום פליהען, וועט זיין שווערע קראַנקהייט אין הויז

כאפּען א נאכט־פויגעל אונד איהם דערשטיקען, איז א סימן, אז מען וועט בעגליקען אין דער נייער אונטערנעהמונג.

זעהענדיג א רויב־פויגעל אויף דעם אייגענעם קאָפּ, וועט מען שטאַרבען, אויף איין אנדערן׳ס קאָפּ, וועט יענער שטאַרבען. דיא חכמים גיבען איין עצה, אין אזא פאַל צו פערטהיילען צדקה אונטער אמת׳ע נצרכים.

זעהענדיג א שווארצען פויגעל אויף׳ן הויז, וועט זיין טרויער.

זעהענדיג זיך נאכיאָגען א רויב־פויגעל אונד איהם ניט כאפּען, בעדייטעט, אז מען וועט זיך יאָגען נאָך עשירות אונד מען וועט אומזיסט מיה פערלירען.

זעהענדיג פייערדיגע פויגלען, וועט זיין א שרפה.

גרויסע פויגלען פאַלען פון פייער, שטורם אָדער בליטץ, בעדייטעט, אז מען וועט מאכען איין אונגעזעטצליכען האנדעל, געכאַפּט ווערען פון דער פּאָליצייא אונד מען וועט פיעל ליידען דאדורך.

זעהענדיג אויפשטייגען א פויגעל פון דער ערד, פליהענדיג אַלץ העכער אונד העכער אונד יעדעס מאָל גרעסער ווערען, בעדייטעט, אַז דעם בעל־החלום׳ס א קינד, וועט איבערראשען דיא וועלט מיט וואונדערבארע זאכען.

טרוימענדיג, אז פון א טויב איז געוואָרען איין אָדלער אונד איז ארויף גע־פלויגען אויף דער זונן, וועט דעם בעל־החלום׳ס איינגסטעס קינד, ווערען א גרויסער דענקער אונד ערשטוינען דיא וועלט מיט זיין חכמה.

זעהענדיג ביענען אין חלום, וועט ער קריעגען נייע אונד צאָהלרייכע שונאים.

פליעגען, א גנבה וועט געשעהען אין הויז.

כאַפּענדיג פיש מיט א נעטץ, וועט מען רייך ווערען.

כאַפּען פיש מיט האָקענס, וועט מען רייך ווערען אונד באנקראָטירען.

יעדער חלום פון פיש, האָט א גוטע בעדייטונג, אויסער ווען מען טרוימט, אז מען האָט געגעסען פערשטונקענע פיש, אונד דאָס איז א סימן, אז מען ווערט בעטראָגען פון אייגענע מענשען.

——OOOO——

איבער מלאכים אונד טייפלען.

קורצע פאָררעדע.

מיר האָבען אין אָנפאַנג בעמערקט, אז אזעלכע זאכען וואָס עקזיסטירען ניט אין דער נאַטור, קומען ניט פאָר אין חלום, אָדער, בעסער געזאָגט, אזעלכע זאכען וואָס מען האָט ניט געזעהען וואכענדיג, קען מען ניט זעהען טרוימענדיג. טראָטץ דעם אָבער האָבען שוין מענשען געחלום׳ט, אז זייא האָבען געזעהען שדים אָדער מלאכים. דאָ איז ניט דיא פראַגע אויב שדים אונד מלאכים עקזיסטירען יאָ אָדער ניט. דיא הויפּטזאכע איז, וויא אזוי זעהט מען זייא אין חלום, נאכדעם מען האָט זייא קיינמאָל ניט געזעהען וואכענדיג?

דארויף ענטפערן מיר פאָלגענדעס: שדים אונד מלאכים קען מען ווירקליך ניט זעהן אין חלום, וויל מען זעהט זייא ניט וואכענדיג, אָבער מען זעהט ענטוועדער דאָס וואָס מען האָט זיך וואכענדיג פאָרגעשטעלט אין דער פאַנטאזיע, אָדער דאָס וואָס מען האָט געזעהען אויף א בילד. מען מוז אלזאָ זיין זעהר אויפמערקזאם בייא אזא חלום, אויב ער איז ניט קיין רעזולטאט בלויז פון א בייא־טאָגעדיגער אויפרע־גונג. ווען ער קומט דערפון, האָט ער קיין בעדייטונג, אָבער ווען ער ערשיינט אָהן איין אורזאכע, דאַן זיינען דאָ פאָלגענדע פּתרונות:

זעהענדיג שדים, וועט מען פיעל געלד פערדיענען אין נייעם מסחר.

זעהענדיג שדים טאַנצען, זאָל מען אויפפּאסען, אז דיא קינדער זאָלען זיך ניט באָדען אין קיין טיעפע וואַסערן.

זעהענדיג שדים ארונטער שפּרינגען פון בריקען, וועט יעמאַנד אין דער פאַ־מיליע דערטרונקען ווערען.

שדים לאַכענדיג אונד מאַכען חוזק, וועט מען זיך קריעגען מיט דער פרוי אָדער מיט דעם שותף אין געשעפט, אונד פון ביידע וועט קיין גוטעס ניט ארויס־קומען.

מלאכים פליהען, דיא שפע פון געשעפט וועט פערשוואונדען ווערען.

מלאכים טאַנצען, רייכטהום וועט אריין פליעסען פון אונגעריכטע מקומות.

מלאכים ברענגען שעהנע זאכען, בעדייטעט, אז מען וועט פאלען אלס אפפער פון פרויען שעהנהייט.

מלאכים נעהמען אוועק זאכען, איז א סימן, אז דער בעסטער פריינד רעדט אן דעם בעל־החלומ׳ס פרוי, מיט איהם צו ענטלויפען.

——OOOO——

מילך, קעז, פוטער, האניג, ברוסטען.

זעהענדיג פרויען ברוסטען, בעדייטעט אז מען וועט דעם נסיון ניט קענען איבערשטעהען.

זויגענדיג פרויען־ברוסטען, בעדייטעט, אז מען וועט גנב׳ענען, געכאפט ווערען אונד געשענדעט.

מעלקענדיג שאף אדער ציגען, איז א סימן אז מען וועט זיך בעשעפטיגען מיט לאנד־פראדוקטען אונד בעגליקען.

טרינקען מילך, דאס מען וועט קראנק ווערען אונד שנעל האבען א רפואה.

טרינקען מילך פון א קלאטשע (שקאפע,) וועט מען האבען איין אונפער־האפטע שלעכטע בשורה.

טרינקען מילך פון איין עזעלין,—דאסזעלבע.

עסען קעז—וועט מען ליידען יסורים דורך קינדער.

עסען פוטער—מען וועט האבען נחת פון דיא קינדער.

פערקויפען, אדער קויפען קעז אונד פוטער, דיא קינדער וועלען האבען ערפאלג אין לערנען.

האניג—מען וועט פערלירען געלד אין מסחר.

——OOOO——

איבער טויטע.

קורצע פאררעדע.

טויטע חלום'ן זיך 99 פראָצענט נור דערפאר, ווייל מען דענקט פון זייא איבער דער צייט וואָס זייא האָבען געלעבט. מען קען אלזאָ שווער אונטערשיידען אויב דער חלום איבער א טויטען, האָט עפּעס א בעדייטונג. יעדענפאלס, איז צו רעכענען, אז דער בעל־חלום וועט גוט זוכען צו אונטערשיידען, אויב דער טרוים פון דעם טויטען, האָט אין זיך עפּעס א ממשות אונד צו זוכען איין ערקלערונג. פאָלגענדע פּתרונות ווערען אונטערדעסען אנגעגעבען:

טרוימען גלאַט איבער א בעקאַנטען טויטען מענשען, איז א סימן, אז זיינע קינדער ליידען.

טרוימען, אז א טויטער איז ערשיענען בעז אונד אויפגערעגט, זאָל מען זאָפאָרט נאכזעהען אויב מען האָט ניט בעגאַנגען קיין אונרעכטעס געגען זיין פאמיליע. ווען ער ערשיינט צום צווייטען מאָל, זאָל מען זאָפאָרט דיא בעגאַנגענע פעהלער פער־בעסערן אונד זיך דאמיט בערוהיגען דאָס געוויסען אונד דער טויטער וועט מעהר ניט ערשיינען.

טויטע וויינען, וועט זיין פרייד אין הויז.

טויטע עלטערן ערשיינען, האָט אימער א גוטע בעדייטונג.

טויטע עלטערן ערשיינען אונד ברענגען עפּעס, וועט זיין מזל ברכה.

טויטע עלטערן ערשיינען אונד נעהמען עפּעס אוועק, זאָל מען זעהן אוועק ווארפען דיא שלעכטע אויפפיהרונגען, וואָס זיינען א שאנדע פאר דיעזע וואָס רוהען אין דער ערד.

טויטע עלטערן בעטען עפּעס, בעדייטעט, אז א קרוב וועט קומען בעטען אום הילפע, אונד מען זאָל איהם ניט ענטזאגען.

דריטע אבטהיילונג.

———0000———

איבער מענשען אונד אַלעס וואָס בעלאַנגט צו איהם.

———0000———

זעהענדיג דיא פערבאָרגענע גליעדער פון א מאַן, וועט זיין גליק אין הויז.

פון א פרוי—וועט מען זיך שטארק קריעגען.

טרוימען איין אָבגעהאקטען קאָפּ, וועט מען ליידען פון קאָפּ שמערצען.

זעהענדיג אין חלום א פערבלוטיגטען אבר פון א מענשען, וועט מען זיך שלאָגען מיט מיטגליעדער פון דער משפחה.

זיך זעהענדיג פלוצלונג שטארק הויך אויסגעוואקסען, וועט מען מעריך ימים זיין.

זיך זעהענדיג צוריק געוואקסען, וועט מען האָבען גרויסען פערלוסט אין מסחר.

זעהענדיג דעם אייגענעם שארבען צובראָכען, וועט מען ערפאהרען טרויעריגע זאכען.

איין אַנדערן'ס שארבען צובראָכען, וועט יענער ערהאלטען דיא נאַבריכט, אז זיין נאָהענטעסטער פריינד איז געשטאָרבען.

ווען איינער זעהט אז מען האָט אבגעשניטען זיין נאָז, וועט ער געפּלאָגט ווערען פון זיינע שונאים.

זיך זעהענדיג געקוילעט, דערוואָרגען אָדער דערשטיקט, בעדייטעט, אז נאָכ־דעם וויא מען וועט שוין זיין פערצווייפעלט, וועט ערשיינען פלוצלונג הילפע.

פיהלענדיג צייהן וואקסען, וועט א קינד קראַנק ווערען.

צייהן ארויס ציהען, דיא שמערצען פון קערפּער וועלען אוועק.

צייהן ארויספאלען, יעמאַנד וועט שטארבען אין דער פאמיליע.

זעהענדיג א שווארצען צאָהן, וועט מען האָבען א שרעקליכע נאַבריכט.

זעהענדיג זיין באָרד פלוצלונג אבגעראַזירט, וועט מען האָבען שלעכטעס; אבגע־שוירען מיט א שער, וועט מען האָבען גוטעס.

זעהענדיג דיא באָרד פערשמירט, וועט מען ארויס ברענגען א שלעכטען שם אויף דעם בעל־החלום, אונד דאָס וועט איהם זעהר שאַדען.

זעהענדיג דיא בארד אויסגעפליקט, וועט ער הערען טרויעריגע זאכען.

זעהענדיג דיא האאר פון קאפ אויסגעקראכען, וועט ער מרה־שחורה׳דיג ווערען.

טרוימען, אז עס רינט בלוט פון קערפער, ווערען דיא יאהרען פערקירצט ווערען.

זעהענדיג זיך משתין זיין מיט בלוט, וועט זיין פרוי מפיל זיין.

זעהענדיג דיא הענד וויים אונד זויבער, וועט דיא וועלט רעדען איבער זיין אנשטענדיגקייט אונד יעדער וועט איהם ליבען.

זעהענדיג דיא הענד שווארץ אונד פערשמוצט, וועלען זיינע פריינדע דער־צעהלען איבער איהם ליעגען, אונד דאס וועט איהם שאדען צו געשעפט.

ווען א פרוי זעהט אז איהר ברוסטען זיינען אבגעשניטען, וועט זיא מעהר קיין קינדער ניט האבען.

ווען א פרוי טרוימט, אז זיא האט געהאט צו טהון מיט א פרעמדען מאן, וועט איהר אייגענער מאן אויף איהר ווערען אויפערזיכטיג אונד ביטערע שטריי־טיגקייטען וועלען ענטשטעהן.

א פרוי, וואס זעהט אין חלום אז זיא האט חתונה געהאט מיט א פרעמדען מאן, איז א סימן, אז איהר אייגענער מאן וועט זיא שלעכט בעהאנדלען.

טרוימענדיג שמוטץ, וועט מען האנדלען מיט אונגעזעטצליכע אונד ניט עהר־ליכע זאכען.

זיך זעהענדיג איינגעשמירט מיט טינט אדער אירגענד א שווארצע פארב, וועט זיין טרויער אין דער פאמיליע.

טרוימענדיג אז איין אבר איז ארונטער געפאלען פון קערפער, וועט א קינד פלוצלונג שטארבען אדער געהרג׳עט ווערען.

ווען א מאן טרוימט אז ער האט צו טהון מיט א פרעמדער פרוי, איז א סימן אז ער וועט אויפהערען ליעב צו האבען זיין אייגענע פרוי.

זיך זעהענדיג בארוויס, וועט מען האבען א גרויסען פערלוסט.

עסענדיג מענשען־פלייש, וועט מען אזוי געהאסט ווערען, אז מען וועט מוזען ענטלויפען פון דער געגענד.

ווען מען חלום׳ט, אז מען האט איינעם אבגעשניטען דעם קאפ אונד איהם דאן אויפגעגעסען, זאל מען אין דיעזען טאג פאסטען אונד גאט בעטען. דאן זאל מען זעהען עהרליך האנדלען אונד אבטהיילען א טהייל פון דיא פערדיענסטען אויף א מאנאט פיר ארעמע, זאנסט וועט מען שטארבען אין יענעם יאהר.

זעהענדיג מערקען, וועט מען מאכען א וויטע רייזע.

בלויע פארב, בעדייטעט שמערץ; רויטע פארב, פרייד; געלע פארב, יסורים פון פאמיליע; גרינע פארב, גליק; שווארצע פארב, טרויער; ברוינע פארב, אויגען שמערצען.

זעהענדיג א קעניג אין טרוים, בעדייטעט כבוד אונטער דיא בעקאנטע.

טרוימען, אז מען איז אויף א חתונה, וועט מען ליידען פון שכרות.

זעהענדיג זיין פרוי געבוירען א קינד, ווען זיא איז גאר ניט שוואנגער, וועט איינער פון זיין משפחה שטארבען.

תכריכים, בעדייטעט, אז מען וועט ליידען אין זיין פאמיליע דורך לוקסוס.

ווען מען טרוימט, אז מען האט געגעבטינט אויף א בית־עלמין, וועט מען ארעטירט ווערען.

שיף, בעדייטען, אז רהעאומאטיזמוס ענטוויקעלט זיך אין קערפער; הויזען, אז מען בעראבעוועט פרעמדע אונד מען וועט ענטדעקט ווערען; רעק אונד העמדער, אז ארעמע וויינען אויף דעם בעל־חלום; היטלען, אז שגעון דערנעהנטעט זיך.

זעהענדיג א טויטען קערפער, וועט זיין א שמחה.

זעהענדיג זיך אליין שטארק פערוואונדעט, וועט מען געווינען געלד.

זעהענדיג איין אנדערן טויט, וועט יענער פלוצלונג רייך ווערען.

געביסען פון א הונד, בעדייטעט, אז דיא פרוי בעגנב'עט איהם.

געביסען פון א קאטץ, אז דיא געליעבטע וועט איהם רואינירען.

געביסען פון א מויז, אז דיא קינדער בעגנב'ענען איהם.

זעהענדיג זיין פאטער אונד מוטער געשטארבען, בשעת זייא לעבען נאך, וועט ער האבען פון זייא נחת. זיינען זייא שוין אבער טויט, וועט ער פערלירען געלד.

טרוימען, אז מען האט אנגעצויגען א מת קליידער, וועט מען פעראָרעמט ווערען.

הערענדיג א הספד זאגען, וועלען דיא בעסטע פריינד זיך פרייען אויף זיין מפלה.

זיך זעהענדיג אין פרויען קליידער, איז א סימן, אז זיין פרוי וועט איהם בע־הערשען.

זיך זעהענדיג נאקעט, וועט זיין פרוי איהם בעגנב'ענען.

טרוימען, אז מען נעהמט אין צערריםענע קליידער, וועט מען ניך קראנק ווערען.

זעהענדיג א קרוין אויף'ן קאפ, וועט מען ליידען פון גרויסע זארג.

אנטהוענדיג איין אנדערן א קרוין, וועט מען ליידען פין אייגענע נארישקייטען.

טרוימענדיג, אז דיא אייגענע קליידער זיינען פערברענט געווארען, וועט מען ליידען א גרויסען שאדען.

———OOOO———

פינפטע אבטהיילונג.

איבער הימלישע קערפער אונד נאטור ערשיינונגען.

זעהענדיג דיא זונן, בעדייטעט הערשאפט, אדער גרויסקייט.

דיא לבנה אין חלום, צייגט אויף הויכע עראבערונגען.

שטערן בעדייטען, אז מען וועט קריעגען געטרייע פריינד.

ליקוי לבנה אדער ליקוי חמה אין חלום, בעדייטעט טויט אדער קראנקהייט פיר דעם בעל־החלום.

זיך זעהענדיג אויפגעהויבען איבער דער זונן, וועט זיין זעהר שלעכט אין דיעזער מדינה.

זעהענדיג דיא זונן אין 2 פלעטצער, וועט ערשיינען א נייער הערשער אין שטאדט.

דיא זונן מיט דער לבנה צוזאמען, וועט איין אונערווארטעטע גרויסע אונד גוטע איבערראשונג קומען.

זעהענדיג שטערן פליהען אין חלום, וועט זיך דאס מזל ענדערן צו גוטען.

זעהענדיג דיא שטערן אויסגעשטעלט אין גלייכע רייהען, וועט ערשיינען מיליטער צו מלחמה.

ווען מען חלום'ט, אז דיא זונן איז שווארץ געווארען, וועט דער קעניג, קייזער אדער פרעזידענט פון לאנד שטארבען.

זעהענדיג שווארצע פלעקען אין דער זונן, וועט ערקלערט ווערען מלחמה.

זעהענדיג דיא זונן, שטערען אונד לבנה זיך שטויסען אונד דרענגען, וועט ערשיינען א מגפה.

דער הימעל פערוואָלקענד, וועט זיין איין עפידעמישע קראַנקהייט.

א שלאַנס־רעגען איז א סימן, אז א גרויסע גזרה וועט קומען.

דונערן אונד בליטצען אָהן רעגען, וועט מען ליידען הונגער.

דונערן אונד בליטצען מיט רעגען, וועט זיין א זאַטעס יאָהר.

טרוימען שנעע, וועט מען ליידען מאַנגעל.

א שטורם, בעדייטעט קריעג.

איין איבערשוועמונג אָדער מבול, איז א סימן, אז דאָס לאַנד וואו מען וואָהנט, וועט בעפאַלען ווערען פון א פרעמדער מדינה, אונד עס וועלען זיין גרויסע צרות־מלחמה.

איין עקספלאָזיאָן בעדייטעט, אז עס וועט זיין א פּלעטצליכער טויט אין דער פאַמיליע.

אויסברוך פון א פייער־שפּייענדיגען בארג, בעדייטעט, אז עס וועט פּלאַטצען איין אָדער אין קערפּער פון בעל־חלום.

אז דער ים האָט זיך אויפגעהויבען אונד פערפּלייצט, בעדייטעט, אז א הונ־גערס־נויטה פערברייטעט זיך אין דער וועלט.

———0000———

איבער שרעקליכע חלומות אונד זייער בעדייטונג.

———0000———

אין יאהר 1798, האט געוואָהנט אין פאריז א מאן מיט דעם נאמען זשאן ריוואל, א בעריהמטער פותר־חלום. אין א פריה־מאָרגען איז ערשיענען בייא איהם א מאן, זעהר עלעגאנט געקליידעט, אבער אונגעהייער בלאס, אונד ערקלערט, אז ער האט געהאט א שרעקליכען חלום, אונד ער וויל מען זאל איהם פותר זיין.

„דערצעהלט", האט ריוואל געזאגט, „אונד איך וועל אייך זאגען דיא בע־דייטונג."

„עס האט זיך מיר געדאכט," האט דער פרעמדער אנגעפאנגען, „אז איך בין געשטאנען פאר'ן שפיעגעל אונד זיך געראזירט. מיין פרוי, וועלכע איך ליעב וויא מיין לעבען, איז אריין געקומען, אונד זיא האט געהאלטען א בריעף אין האנד, וועלכען זיא האט געלעזען זייענדיג אזוי פעראינטערעסירט, אז זיא האט מיך ניט געקענט זעהען. דער בריעף האט זיך אָבער אבגעשפיעגעלט, אונד איך האב דאָרט געלעזען, אז מיין בעסטער פריינד שרייבט צו איהר, אז זייא זאָלען זיך נאָך אמאָל בעגעגענען מאָרגען אבענד אין האָטעל ב... גראדע וויא לעטצטע וואָך, אונד זייא וועלעןביידע פערברענגען א גוטע צייט, ווייל איך וועל זיין אויף מיין ווילא (דאטשיא.) זייענדיג זעהר אויפגערעגט דאריבער, האָב איך געכאפט מיין ראזיר־מעסער, צוגע־לאָפען צו מיין פרוי אונד זיא געקוילעט. דאָס בילד, זיא זעהענדיג אויף דער ערד, מיט איהר ווייסען האלז איבערגעשניטען אונד פערוואונדעט, האט מיך אָהנמעכטיג געמאכט אין חלום. מיין פרוי איז אונטערדעסען געוועזען דיעיעניגע, וואָס האט מיך דערמינטערט, נאכדעם זיא האט געשפירט, אז איך האב אונגעוועהנליך געאטהעמט, ליעגענדיג נעבען איהר אין בעט. איך בין אָבער אזוי ערשראָקען אונד בעאונרוהיגט, אז איך ווייס גאָר ניט וואָס צו טהון. איך האָב נאָך קיינעם ניט דערצעהלט דעם חלום, אונד מיין גאנצער קערפער שוידערט מיך."

„דארפט איהר ווירקליך מאָרגען אבענד זיין אין אייער ווילא?" האט ריוואל געפרעגט.

„יא," איז געוועזען דער ענטפער.

„דאן זאָלט איהר אויפפּאסען אויף אייער פרוי, אונד איהר וועט עפּעס ענט־
־עקען."

„אָבער זיא איז דאָך אונשולדיג! זיא איז פרום, עהרליך אונד זעהר אנ־
שטענדיג."

„דאָס מאכט ניט אויס," האָט ריוואל ווייטער ערקלערט. „אייער זעעלע אין
חלום זעהט בעסער וויא איהר מיט אייערע אויגען."

דער פרעמדער האָט דעם פּותר־חלומות גוט בעצאהלט, אונד איז אוועק.
אויף'ן אנדערן טאָג האָט מען ערפאהרען, א גראף דע וואלענטין, האָט געקוילעט
זיין יונגע פרוי אין דעם האָטעל ב. נאכדעם ער האָט זיא דאָרט געכאפּט מיט זיין
געוועזענעם פריינד האנרי ארטאָן.

זשאן ריוואל, אין דיא שריפטען איבער חלומות וואָס ער האָט צוריק געלאָזען,
שרייבט איבער דיעזער מערקווירדיגער צוטרעפונג אזוי:

„איך וויים ניט אויב דאָס איז געוועזען מיין חכמה אָדער מיין נארעשקייט. א
טהאטזאכע איז עס אָבער, אז אָהנע צו וויסען ווער מיין גאסט איז געוועזען, האָב
איך איהם פּותר געוועזען דעם חלום, אונד עס איז קיין צווייפעל, אז דער חלום האָט
אָנגעוויעזען אויף א גרויסע וואהרהייט. אין דערזעלבער צייט אָבער, איז עס קיין
צווייפעל, דאָס ווען איך וואָלט איהם אנדערש פּותר געוועזען, וואָלט דיא יונגע פרוי
פיעללייכט, ניט פערלוירען איהר לעבען. זאָ האָט עס פּאסירט שפּעטער מיט איינינע
מאָנאט, וואָס אויך א פרעמדער הערר, האָט מיר איין עהנליכען חלום דערצעהלט,
נאָר איך האב איהם פּותר געווען, אז זיין פרוי איז איהם זעהר געטרייא. דערזעלבער
הערר איז ערשיענען מיט 2 וואכען שפּעטער, אונד מיר געבראכט א גרויסע מתנה,
זאָגענדיג, אז איך האָב דאָס עהרליך פערדיענט, נאכדעם ער האָט זיך איבערצייגט,
אז איך האָב איהם געזאָגט דיא וואהרהייט. איך אליין האָב דאָס ניט געקענט
פערשטעהען, אונד דיא ערקלערונג איבערביידע צוטרעפונגען, איז מיר געבליעבען
גראדע אזא געהיימניס, וויא דיא חלומות אונד זייער ערשיינונג."

דאָס אלעס בעווייזט, דיא גרויסע וואהרהייט פון דער גמרא־בעהויפּטונג, אז
„כל החלומות הולכין אחר הפה", אונד מען דארף זעהר פאָרזיכטיג זיין, וויא מען
איז פּותר, איבערהויפּט א שרעקליכען חלום, ווייל דיעזער קען פיהרען צו זעהר איין
ערנסטען אונד געפעהרליכען רעזולטאט.

דיא חלומות מיט זייערע בעדייטונגען, וועלכע מיר האָבען פריהער אויסגע־
רעכענט, זיינען נאָך ניט אלע, איבער וואָס מענשען זיינען אימשטאנדע צו טרוימען.

אבער, פיר פערנינפטיגע מענשען, איז דאָס גאַנץ נענוג, זיך פון זייא, אויף אַנדערע צו דייטען, וויל פון דיעזע אַליין, שטאַמען אב אַלע פערשיעדענע אונד אונצעהליגע חלומות בייא מענשען. מיר האָבען נאָר געליעפערט דעם בוים מיט דיא צווייגען, אָבער, דיא בלעטער אונד פרוכטען, קען מען זיך שוין אליין מערקען.

מיר מאַכען אויך ווייטער אויפמערקזאַם, אז דיעזעס בוך איז ניט נאָר פיר פריוואַט־מענשען, זאָנדערן פיר לייטע, וואָס אינטערעסירען זיך אַליין צו ווערען פותרי־חלומות. זאָגען מיר זייא, אז זייא זאָלען גוט דורכשטודירען אונזערע ערשטע קאַפּיטלען, אונד מיט געדולד דורכלעזען דיעזען לעטצטען קאַפּיטעל. יעדעס וואָרט איז ניטצליך אונד אינטערעסאַנט, אונד מען זאָל אַכטען אויף פאָלגענדע רעגלען:

1) איז דער חלום געקומען נאָך איין אויפרעגונג, קראַנקהייט אָדער שווערעס עסען—דאַן האָט ער קיין בעדייטונג.

2) איז דער חלום איבער געגענשטענדע מיט וועלכע מען בעשעפטיגט זיך—האָט ער קיין בעדייטונג.

3) ווען דער חלום איז קלאָר, ניט איבערגעטריעבען, דאַן ליעגט דיא בעדייטונג אין דער איינפאַכען אינהאַלט.

4) ווען דער חלום קומט מיט איבערראַשונג אונד לאָזט צוריק איין אונרוהיגעס געמיטה, איז דאָס בעסטע, קיין פתרון איבער איהם צו געבען, ביז דער גייסט ווערט זיך ניט בערוהיגען אין דעם בעל־חלום, אונד דאַן, זאָל מען געבען דיא בעדייטונג ניט אין קיין שאַרפער פאָרם, זאָנדערן אַלעס פערלייכטערן אונד פערגרינגערן.

5) דער פותר זאָל יעדענפאַלס זוכען צו געבען א גוטען פתרון, אַנשטאַט א שלעכטען, וויל, זאָלאַנג דאָס שלעכטע איז ניט צו פערמיידען, איז עס דאָך איבריג צו דערצעהלען, אונד כל־זמן מען קען דאָס פערמיידען, איז בעסער פאָרצושטעלען דיא גוטע זייטע.

6) מענשען וואָס חלום'ן צו אָפט שלעכטע חלומות, זאָלען געוואָרענט ווערען ניט צו טרינקען שאַרפע משקאות, ניט צו עסען קיין שווערע עסענס אונד געהען שלאָפען בעסער הונגעריג אלס זאַט. אזעלכע זאָלען אויך ניט לעזען קיין אויפרעגענדע ראָמאַנען אונד ניט בייוואָהנען אויפרעגענדע סצענען אין טהעאַטער.

———()()()———

איבער חלומות פון גרויסער בעדייטונג.

———OOO———

מיר האבען שוין אויף איין פלאטץ דערמאהנט, אז געוועהנליכע מענשען, האבען ניט קיין אויסערארענטליכע חלומות, אדער חלומות פון א גרויסער בעדיי־טונג. אבער, אונטער געוועהנליכע מענשען, פערשטעהען מיר ניט גראדע אזעלכע וואס זיינען ארעם אונד שטאמען פון א ניעדריגען גראד אין דער געזעלשאפט. מיר מיינען פראסטע מענשען, ניט איבריג קלוג, ניט געבילדעט אונד ניט ערפאהרען. אבער פארטגעשריטענע מענשען, האבען איין אנדערע געלעגענהייט אין לעבען, אונד דערפאר קענען חלומות זייא אנציינען גרויסע זאכען וואס זיינען נוגע א וועלט. דער בעל „דשנים ורעננים,“ דערצעהלט פאלגענדע געשיכטע:

„אין מאנטוא, איטאליען, האט, מיט 300 יאהר צוריק געוואהנט א יונגער מאן מיט דעם נאמען חיים עספעריראַ, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט לערנען גמרא מיט תוספות, מיט דיא קינדער פון א פאאר גבירים. ר׳ חיים איז געווען זעהר א קלוגער אונד געבילדעטער מענש, אונד ער האט געקענט לאטיין, איטאליעניש אונד שפאניש, אויסער העברעאיש אונד דעם תלמוד מיט דיא נושא כליו. אין א נאכט האט זיך איהם געחלם׳ט, אז ער איז געשטאנען נעבען טייך טיבער אין רוים, אונד געזעהען אנקומען א מאן, וועלכער איז בעגלייטעט געווארען פון מעהרע סאל־דאטען. עס האט אויסגעזעהען, אז דער מאן איז א שר אונד א מושל. דער פרעמ־דער איז אריין געשפרונגען אין וואסער, אנגעפאנגען צו שווימען, אבער פלוצלונג האט ער זיך אנגעהויבען צו טרינקען. חיים האט דערהערט, אין דער זעלבער צייט, דיא שטימען פון אידען, מיט א וויינענדיגען קול, שרייען: „חיים! דוא קענסט שווימען! שפרינג אריין אונד ראטעווע דעם שר, אונד דערפאר וועט ער מבטל זיין דיא ביטערע גזרה איבער אונז אידען!“

חיים איז אריין געשפרונגען, געראטעוועט דעם פרעמדען, אונד אלעס וואס ער האט געקענט נאך וויטער געדענקען פון דעם חלום, איז געווען, אז ער האט פאר זיך געזעהען הונדערטער אידען מיט פרויען אונד קינדער איהם דאנקענדיג.

נאך אין דעם זעלבען טאג, איז חיים אריין געגאנגען צום רב פון מאנטוא, אונד איהם דערצעהלט דעם חלום. נאכדעם איז ער אוועק געפאהרען נאך רוים, אונד טאג נאך טאג, איז ער געשטאנען נעבען טיבער אונד געקוקט. מיט 33 טעג נאך זיין איינקונפט, האט זיך פאר איהם אבגעשפיעלט דיא סצענע פון דעם חלום.

אין דער ווירקליכקייט. ער האט געראטעוועט פון זיבערעס דערטרונקען ווערען, דעם קארדינאל זשילעספיע מאנטאסיוס, וועלכער איז געווען דער ערשטער יועץ פון פאפסט. אין דערזעלבער צייט, זיינען געווען ארעטירט אין רוים 216 אידען, אונטער דער בעשולדיגונג פון קוילען א קריסטליכען קינד, אום זיך צו בעדיענען מיט זיין בלוט אויף פסח. דער קארדינאל האט זעהר געדאנקט זיין לעבענס־רעטער אונד זיך ערקלערט פאר איהם צו טהון אלעס מעגליכע אין דער וועלט. פאר אלעמען, האט חיים געבעטען דיא בעפרייאונג פון זיינע ברידער, אונד אלס ער האט דיעזע אויסגעווירקט, האט איהם דער קארדינאל געשענקט גרויסע מתנות אונד איהם אויך בעקאנט געמאכט מיט'ן פאפסט. ר' חיים'ס געלעהרזאמקייט אונד קלוגהייט, האט איהם ערשטענס געמאכט פאר א רייכען מאן אונד ער האט דערביי געהאט דיא בעסטע געלעגענהייט צו טהון גרויסע טובות פאר זיינע ברידער.

פון דאנען איז ארויס צו זעהען, אז זאגאר געוועהנליכע מענשען, קענען האבען בעדייטונגספאלע חלומות איבער גרויסע אנגעלעגענהייטען, אונד האבענדיג אזא חלום, דארף מען גוט אכטונג געבען, איהם ניט צו פערנאכלעסיגען.

ווען ר' חיים עספעריירא וואלט זיך ניט אינטערעסירט מיט דעם וויכטיגען חלום, איהם ניט דערצעהלט דעם רב אונד ניט געפאהרען נאך רוים, וואלט ער ערשטענס ניט געראטעוועט זיינע ארעמע ברידער, אונד צווייטענס וואלט ער אליין ניט עולה לגדולה געווען.

מענשען מיט חלומות וואס שיינען אין זיך צו האבען א גרויסע בעדייטונג, דארפען אום קיינעם פרייז ניט פערנאכלעסיגען דיא געלעגענהייט, אונד עררייכען דעם וועג וואס אזעלכע חלומות האבען אנגעציינט.

ע נ ד ע.

אלט-ניילאנד

די לעצטע בעריהמטע ווערק פון דעם אונגעקרוינטען אידישען קעניג אונד פאטער פון פאליטישען ציוניזמוס

דר. הערצל, ע"ה.

וואס איז פאליטישער ציוניזמוס ?

וויא אזוי איז די אידעע פון פאליטישען ציוניזמוס געקומען צו דר. הערצל ע"ה ?

וואס האט דער פאליטישער ציוניזמוס אויפגעטהאן ביז היינט ?

וויא אזוי קען די אידעע פון פאליטישען ציוניזמוס פערווירקליכט ווערען ?

וויא אזוי קען דער ציוניזמוס ווען ער זאל שוין פערווירקליכט ווערען, פערבעסערן די פינסטערע אונד ביטערע אידישע לאגע פון אלע גלות לענדער ?

אט דיזע אלע פראגען ווערען ערקלעהרט אין דער בערימטע ווערק „אלט-ניילאנד". וועלכע איז יעצט ערשיענען, אונד יעדער איד בייא וועמען דאס ווארט „ציון" איז נאך טהייער, דארף דאס בוך לעזען, אום צו פערשטעהען די ערהאבענע אידעע פון דעם פאליטישען ציוניזמוס וואס עס איז בעשאפען געווארען פון דר. הערצל ע"ה.

דאס בוך „אלט-ניילאנד" פאנגט זיך אן מיט א ראמאנטישע ערצעהלונג וועלכע איז זעהר שפאנענד און אינטערעסאנט אונד אין דער זעלבער צייט ווערט פארגעשטעלט די אויספיהרונג פון ציוניסטישען געדאנק, וויא אזוי פאלעסטינא איז שוין געווארען איין אידישער שטאאט אונד ווערט פערוואלטעט פון איין אידישע רעגירונג, וויא אזוי זיא האט זיך אין א קורצע צייט ענטוויקעלט און איז געווארען דער סענטער פון קאמערץ אונד אינדוסטריע אין גאנץ אזיען.

דאס בוך „אלט-ניילאנד" איז ספעציעל געווידמעט צו אלע ציוניסטישע-יודישע פראגען וועלכע פערלאנגען קלארע אונד דייטליכע תשובות, אלעס ווערט רוהיג, געלאסען און וויסענשאפטליך ארומגערעדט און ערקלערט.

מאקס נארדוי האט געזאגט, אז דאס בוך „אלט-ניילאנד" איז ניט נאר וויכטיג פיר אידען אונד ציוניסטען, זאנדערן עס איז א קלאססישע ווערק אין דער אייראפעאישער ליטעראטור, די רייכע פאנטאזיע וועלכע דער פערפאסער ווייזט ארויס ביי'ם שילדערען די לאגע פון דער אידישער מדינה איז אזויא קונסטפאל אונד מייסטערהאפט בעשריבען, דאס מען פיהלט א גייסטיגען פערגעניגען דאס צו לעזען.

דאס בוך איז איינגעטהיילט אין פינף טהייל אונד איז פיין געבונדען אין א קלאטה-באנד.

פרייז 50 סענט. פרייא פארטא 60 סענט.

צו בעקומען בייא אלע בוכהענדלער וויא אויך בייא די הערויסגעבער

THE HEBREW PUBLISHING CO.,

DREAM BOOK

An Instruction for the Interpretation of Dreams which happen under different Persons. Also to know the difference between Dreams that have any meanings, and others that have none.

TRANSLATED FROM THE HEBREW

BY

R. I. ALMULY.

NEW YORK:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street.

1906.